8 געשטאַנען צו שפּילן. (שמות לב, ו.) און לאָמיר אויך
נישט מזנה זיין, ווי אַ טייל פון זיי האָבן מזנה־געווען,
און עס זענען געפאַלן אין איין טאָג דריי און צוואַנציק
9 טויזנט. לאָמיר אויך נישט אויספּרוּוון דעם האר
(גאָט), ווי אַ טייל פון זיי האָבן אויסגעפּרוּווט, און
10 זענען אומגעקומען פון די שלאַנגען. מורמלט אויך
נישט, ווי אַ טייל פון זיי האָבן געמורמלט, און
11 זענען אומגעקומען דורך דעם משחית. דאָס אַלץ
איז צו יענע געשען פאַר אַ פאָרבילד, און עס
איז געשריבן געוואָרן ווי אַ מוסר פאַר אונזערט־
וועגן, צו וועמען די וועלט־צייטן האָבן דערגרייכט
12 זייער ציל. דעריבער דער, וואָס מיינט, אַז ער שטייט,
13 זאָל אַכטונג געבן, אַז ער זאָל נישט פאַלן. קיין
נסיון האָט אייך נישט אָנגעכאַפּט, אַ חוץ וואָס איז
(ריין) מענטשלעך; גאָט אָבער איז געטריי, וועלכער
וועט אייך נישט לאָזן אויסגעפּרוּווט ווערן איבער
אייערע כוחות; נאָר צוזאַמען מיט דעם נסיון וועט
ער אויך מאַכן אַן אויסוועג, כדי איר זאָלט קענען
בײַשטיין.
14 דערפאַר, געליבטע מיינע, זאָלט איר אַנטלויפן
15 פון געצנדינסט. איך רעד ווי צו פאַרשטאַנדיקע;
16 משפּט איר אַליין, וואָס איך זאָג. דער כוס פון
ברכה, אויף וועלכן מיר מאַכן אַ ברכה, צי איז ער
דען נישט חברותאשאַפט מיט דעם בלוט פון דעם
משיח? דאָס ברויט, וואָס מיר ברעכן, צי איז עס דען
נישט חברותאשאַפט מיט דעם גוף פון דעם משיח?
17 ווייל עס איז איין ברויט, זענען מיר, די פילע, איין
גוף; וואָרום מיר אַלע האָבן אַ חלק אין דעם איינעם
18 ברויט. קוקט אויף ישראל לויטן פלייש: צי זענען
דען נישט די, וועלכע עסן די קרבנות, אַנטיילנעמער
19 אין דעם מזבח? וואָס זשע איז עס דען וואָס